בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

מתוך
שבת הגדול תשפ"ב

יו"ל שבת הגדול תשפ"ג



## לזכר נשמת
## אדונינו מורינו ורבינו קדוש ישראל ותפארתו
## רבינו **הפני מנחם** זצוקללה"ה

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

## מתוך ס"ג

**דער** שפת אמת ערקלערט אויף פארשידענע וועגען דאס וואס די מפרשים שטעלן זיך שוין פארוואס האט מען באשטימט דעם זכר צום נס דווקא אין שבת הגדול, וואס לכאורה וואלטן חז"ל געדארפען אוועקשטעלן די זכר פונעם נס אויפ'ן דאטום פונעם צענטען טאג אין חודש - בעשירי לחודש אויך ווען עס געפאלט אין דערוואכענס.

**אויף** איין ארט זאגט דער **שפת אמת** (שבת הגדול תרמ"ב) נאך איידער ער הייבט אן שרייבען א טעם דערויף, איז ער מקדים און ער שרייבט אז באמת איז דאס בכלל נישט קיין קשיא, ווייל צו דען קען מען זאגען אז דאס וואס עס איז אויסגעפאלען אין שבת דעם צענטען טאג אין חודש איז דאס געווען צופעליג - במקרה. ד. ה. אז ווען די תורה האט געזאגט (בא יב, ג) 'בעשור לחודש הזה' - און אין יענער יאהר איז דאס אויסגעפאלען אין שבת, על כרחך אז ס'האט א קשר אויך צו שבת קודש, און טראצדעם אז ס'שטייט נישט אין די תורה 'בשבת בעשור לחודש', פונדעסטוועגען קען מען נישט זאגען אז דאס איז געווען א צופעליגע זאך, און דעריבער איז בכלל נישט שווער פארוואס האט מען אנגעהאנגען די גרויסקייט אין שבת, און נישט אין י' ניסן [ווייל די גאנצע 'קושיא' הייבט זיך אן נאר אויב מ'נעמט אהן און מ'זאגט אז עשירי בניסן איז דער קובע, ווייל מ'דארף האבען פאר פסח פיהר טעג, אבער אויב מען ווייסט אז אלעס איז אויסגערעכנט, איז קלאר אז די תורה האט געוואלט אז עס זאל אויסקומען אין שבת, מאיזה שהוא טעם, און ממילא דאס וואס עס ווענדט זיך אין שבת איז נישט קיין 'קשיא', און דאס וואס מען רעכנט זיך אויך נישט מיט'ן טאג פונעם חודש - ווען מען ווייסט שוין די טעם דערין, פארשטייט מען אויך אז שבת איז דער עיקר, און י' ניסן איז נאר צופעליג - ווייל מען דארף האבען פיהר טעג, און נישט אז זיין חשיבות באשטעטיגט די

זאך], נאר מען דארף נאך אלץ מסביר זיין פארוואס טאקע האט די תורה מחשיב געווען דעם שבת פון פאר פסח - און אין איהר קובע געווען די צייט פונעם לקיחת השה, און דאס איז ער מבאר אויף פארשידענע אופנים.

**און** מ'קען צולייגען דערויף, אז אפילו אויב איינער וועט זיך אוועק שטעלען און פרעגען ווער זאגט - מי יימר לן?! אפשר איז דער רצון פונעם תורה אז ס'זאל זיין דייקא אין י' ניסן, און נאר אין יענע יאר איז דאס אזוי אויסגעקומען אז י' ניסן איז געפאלען אין שבת, קען מען נישט אזוי זאגען, ווייל די צייט ווען די יודען דארפען ארויסגיין פון מצרים איז נישט יעצט נתחדש געווארען ווען ס'געקומען די זמן היציאה, נאר די זמן איז געווען קבוע ועומד פון די קורא הדורות מראש, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (בא יב, מב) 'ליל שמורים הוא לה' להוציאם מארץ מצרים הוא הלילה הזה לה'' - שהיה הקב"ה יושב ומצפה מאות שנים אימתי יגיע הזמן לקיים הבטחתו לאאע"ה בברית בין הבתרים להוציאם מארץ מצרים, און יענער צייט איז באשאפען געווארען און ס'איז געווידמעט געווארען אויף יציאת מצרים, און אויב אזוי איז אוודאי אז יעדער פרט און פרט פון די גאולה און די צייטען פונעם קיום המצוה פון פאר'ן גאולה - זענען באשטעטיגט געווארען און זענען צוגעפאסט געווארען צו די באשטימטע צייט, ווייל זיי האבען א שייכות צום ליל שמורים, און אלעס איז אריינגענומען געווארען אינעם גט'ליכע פלאן פון יציאת מצרים. ממילא קומט אויס אז בכוונה תחילה איז באשטימט געווארען אז מקחו מבעשור זאל זיין דייקא אין שבת.

**ערקלערט** דער **שפת אמת** (תרל"ח ותר"מ) בהקדם דאס וואס רש"י זאגט (בא יב, ו) 'מפני מה הקדים לקיחתו לשחיטתו ארבעה ימים מה שלא צוה כן בפסח דורות [וכדאמרינן במשנה (פסחים צו.) מה בין פסח מצרים לפסח דורות - פסח מצרים מקחו מבעשור וכו'], היה רבי מתיא בן חרש אומר, הרי הוא אומר (יחזקאל טז, ח) 'ואעבור עליך ואראך והנה עתך עת דודים' - הגיעה שבועה שנשבעתי לאברהם שאגאל את בניו, ולא היו בידם מצוות להתעסק בהם כדי שיגאלו - שנאמר (שם, ז) 'ואת

ערום ועריה', ונתן להם שתי מצוות דם פסח ודם מילה'. פרעגט דער שפת אמת אז מען דארף פארשטיין וויא אזוי ס'ווערט פארענטפערט די קשיא מיט דעם, טאקע געוויס אז מען האט זיי געדארפען געבען מצוות כדי אז זיי זאלען זיין ראוי אויסגעלייזט צו ווערען, אבער דער גאולה איז געווען ט"ו ניסן, און מצות דם פסח איז געווען אין י"ד ניסן, און ס'איז נאך אלץ שווער פארוואס האט מען געדארפען האבען פיהר טעג [וכבר עמדו בזה מפרשי רש"י, עי' משכיל לדוד ונחלת יעקב].

**נאר** זאגט דער **שפת אמת**, אז כדי מקיים צו זיין די ערשטע מצוה וואס דורך איהר זענען זיי ארויס געגאנגען פון זיין אינטערגעטעניגט צום שלעכטס, איז געווען א שוועריקייט דאס אויסצופירען, ווייל ווען זיי זענען נאך געווען אינטער'ן שלעכטס וואס האט דעמאלט געוועלטיגדט, וואלטען זיי נישט געקענט צוקומען צו אזיין געהויבענע מעשה המצוה, ד. ה. אז דורכ'ן מצוה וועלען זיי ארויסגיין און וועלען ווערען אפגעהאקט פון אלעם שלעכט, דער ערשטע נעם און דער שפרונג, האבען זיי נישט געהאט דעם מעגליכקייט מקיים צו זיין כל עוד וואס זיי זענען געווען משועבד אין גלות, און מען מיינט נישט די גלות און שעבוד הגוף, נאר כל זמן וואס דער נפש איז משועבד און איטערגעטעניגט - 'כפית לאחרא', קען דער מענטש נישט מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים און עול מצוות אזוי וויא ס'דארף צו זיין, אזוי וויא ס'שטייט אין זוה"ק (בהר קח.), און אויב אזוי קומט אויס אז פאר'ן גאולה האבען זיי נישט געקענט מקיים זיין מצות הפסח אזוי וויא ס'דארף צו זיין און אז עס זאל זיין לשמה, און על כרחך האבען זיי געדארפען ארויסגיין פון גלות מצרים נאך איידער די קיום המצוה, אבער זיי זענען דאך נאכנישט געווען ראוי אויסגעלייזט צו ווערען אן די קיום המצוה, און ס'איז דא געווען א פעלער - חסרון - כעין א גלגל החוזר.

**און** דערפאר האט דער אייבערשטער געזאגט 'מקחו מבעשור', וואס די עצה איז געווען דורכדעם וואס מען זאל מאכען אן הכנה פיהר טעג, און דער רצון און די השתוקקות צום מצוה אין די טעג איז געווען זייער זכות אז זיי

זאלען זיין ראוי אויסגעלייזט צו ווערען - ד. ה. אז זיי זאלען קענען מקיים זיין די מצוה וואס דורך איהר וועט מען ווערען אויסגעלייזט, און מען קען טאקע האבען א השתוקקות אין הארץ אנדעם וואס מען זאל נעמען א שעפסיל, אבער ס'איז נישט גלייך אויב מען האט בלויז אן השתוקקות אין הארץ אליינט, צו דעם השתוקקות וואס איז פארהאן דערנאך וואס מען האט שוין גענומען דעם שעפסיל בפועל י' ניסן (עי' אוה"ח הק' יתרו יט, א), און מען האט געציילט יעדען טאג און יעדען שעה און יעדען רגע וואס איז שוין אריבער - ווען וועט שוין קומען דער צייט וואס מען וועט שוין קענען מקריב זיין דעם פסח, יעדער מינוט האט געברענט ווען וועט מען שוין זוכה זיין דערצו, און ס'איז גענוג מיט די השתוקקות און די רצון צו פארלענדען די שלעכטס און רייניגען די הארץ, כדי מען זאל קענען מקיים זיין די מצוות פון פסח אזוי וויא ס'דארף צו זיין - טראצדעם וואס מיר זענען נאכנישט ארויס געגאנגען בפועל פון מצרים, און אין דעם זכות פון די מצוה האבען זיי זוכה געווען צו די גאולה שלימה.

**און** דאס איז די טעם פארוואס ס'איז באשטימט געווארען אז 'מקחו מבעשור' דייקא צו שבת קודש, ווייל די גאנצע מהות פון שבת קודש איז די תשוקה און גלוסטונג, ווייל יעדער שבת איז מעין דלעתיד, וואס אין איהר בענקט מען און מען איז משתוקק צו דעם יום שכולו שבת, און אין שבת קודש ווערט ערוועקט די רצון אין די יודישע הערצער, און בפרט בשעת רעוא דרעוין 'בני היכלא דכסיפין', מ'וויל און מ'שטרייבט זיך צו דערנענטערען צום רבונו של עולם, און אין שבת קודש קערט זיך אלעס צוריק צום שורש, און דעריבער הייבט זיך אן די פינטעלע פון השתוקקות אין די יודישע הערצער דייקא אין שבת קדש, און דערפאר איז נקבע געווארען 'מקחו מבעשור' אין שבת. און דאס איז די חשיבות פון שבת הגדול - פאר פסח, ווייל געוויס טאקע אז אין יעדען שבת איז מיניה מתברכין כל שיתא יומין, אבער איבער הויפט איז דאס געזאגט געווארען אין דעם שבת פאר פסח, וואס איהר גאנצע ענין איז אן הכנה צום יו"ט פסח, וואס ווייזט אויפ'ן רצון און השתוקקות צו פסח, און מ'דארף ממשיך זיין די כוח פון די הכנה

פון דעם תשוקה און דעם רצון צום יום טוב - אויף אלע אנדערע טעג פון די וואך פון פאר פסח.

**און** מ'קען צולייגען דערויף, אז דייקא רבי מתיא בן חרש האט געוואוסט צו דרשנ'ן וויא אזוי רייסט מען זיך טאקע אפ פונעם שלעכטס און מ'גייט ארויס לחירות פונעם יצר הרע - נישט צו זיין 'כפית באחרא', ווייל ס'שטייט אין ילקוט (ויחי רמז קסא) מעשה ברבי מתיא בן חרש שהעמיד השטן לפני עיניו נסיון קשה ביותר בשמירת העינים, כיון שראה אותו הפך פניו ונתן לאחריו, שוב בא ועמד לו על צד שמאלו הפך פניו לצד ימין, והיה מתהפך לו מכל צד, ורבי מתיא בן חרש אמר מתירא אני שמא יתגבר עלי יצר הרע ויחטיאני, לקח מסמרין של אש ונתנם בעיניו, וסימא את עצמו, באותה שעה קרא הקב"ה למלאך רפאל לרפאות את עיניו, אמר לו רבי מתיא בן חרש הניחני מה שהיה היה, שלא היה רצונו לחזור לנסיונות של עולם הזה, עד שהבטיחו הקב"ה אני ערב שלא ישלוט בו יצר הרע, ומיד ריפא אותו.

**מיט** דעם איז מדוקדק דער לשון פון רש"י 'היה רבי מתיא בן חרש אומר', ווייל רבי מתיא בן חרש האט געוואוסט צו דרשנ'ן דעם כח פון די השתוקקות וואס איז געווען א הכנה צו גאולת מצרים, און דאס איז געווען ביי איהם אין א בחינה פון 'הוא היה אומר', א השתוקקות און א אמת'ע רצון וואס רייניקט די הארץ - וואס דורך זיי גייט מען ארויס לחירות פון דעם יצר הרע, וויל טאקע געוויס זאגט יעדער איינער אז ער וויל זיך אפרייסען פונעם שלעכטס און מקיים זיין רצון ה' - אבער צוזאמען מיט דעם וויל ער אויך נאך אנדערע זאכען, און דער אמת'ע רצון אויף גוטס איז ווען עס איז פארהאן בלויז נאר איין רצון, און רבי מתיא בן חרש האט אויסגעלערנט וואס איז אן אמת'ע השתוקקות און רצון, א אמת'ע רצון וואס מ'וויל נאר דאס, וואס מ'מוז דאס האבען, און וואס אלע אברים ווארטען אויף דעם. מיר זענען טאקע נישט אין די מדריגה פון די הייליגע תנאים וואס ביי זיי איז דאס געווען קלאר און דייטליך אז זיי האבען אויגען נאר אויף דעם צוועק צו קוקען נאר אויף דברים שבקדושה, און מיר זענען נישט אין די מדריגה

פון רבי מתיא בן חרש וואס איז געווען קלאר און דייטליך ביי איהם אז ער וועט ביישטיין דעם נסיון אין יעדער צושטאנד וואס ס'זאל נאר זיין - נאר די פראגע איז געווען צו ער וועט האבען כח הראיה צו נישט, ווייל ער האט געהאט א תשוקה און א אמת'ע רצון נישט צו זיין כפית באחרא, א תשוקה וואס האט ארום גענומען אלע זיינע אברים און זיין גאנצע עגזעסטענץ - מקיים צו זיין 'עֹצֵם עיניו מראות הרע' (ישעיה לג, טו, עי' ב"ב נז:), און זוכה צו זיין צו 'מלך ביפיו תחזינה עיניך' (שם יז, עי' ויק"ר כג, יג). און דערפאר איז ער דווקא דער בעל השמועה, אז דורך די השתוקקות אינעם אינערליכען פונקט פונעם הארץ - וואס מ'שטייט דערביי אויף יעדער פרייז, קען מען זיך אפרייסען פונעם שעבוד צום סטרא אחרא און זיך דערוייטערען פונעם שלעכטס, און אז דורכ'ן השתוקקות קען מען מקיים זיין מצוות אזוי וויא ס'דארף צו זיין - אויך ווען מען געפינט זיך נאך אין גלות מצרים.

**דאס** איז די צורה פון א יוד, אזוי איז א יוד! דורך די סארט השתוקקות און רצון איז אוועק געשטעלט געווארען די יודישע פאלק, דורכדעם וואס ס'איז געווען ביי פסח מצרים 'מקחו מבעשור', און פון די כח השתוקקות און רצון האבען זיי גענומען דעם שעפסיל מיט מסירות נפש, אן קיין חשבונות, נאר מיט א השתוקקות און א רצון מקיים צו זיין דעם דבר ה', און מיט דעם זכות האבען זיי מקיים געווען דעם מצות הפסח אזוי וויא ס'דארף צו זיין, און זיי האבען זוכה געווען צו די גאולה, אזוי וויא פריערט דערמאנט.

**און** מיט דעם קען מען געבען צו פארשטיין דאס וואס חז"ל זאגען (סוכה מט: חגיגה ג.) אויפ'ן פסוק (שה"ש ז, ב) 'מה יפו פעמיך בנעלים' - מה יפו וכמה נאים רגליהן של ישראל בשעה שעולין לרגל, וואס לכאורה בשעת זיי זענען ארויף געגאנגען ביי עליה לרגל אין בית המקדש, זענען זיי געווען אן שיך - ווייל ס'איז דאך אסור אריין צוגיין אינעם עזרה מיט שיך (עי' ברכות נד.), אויב אזוי וואס פארא שיינקייט איז דא מיט'ן שיך ווען מען געפינט זיך נאך אינטערוועגענס. נאר הן הן הדברים, ס'דא א ספּציעלע שיינקייט ביי די

הכנה צום מצות ראיה, די שיינקייט איז אויף די וועג, ווען מ'גייט און מ'וויל, ווען מ'איז זיך מתגבר אויף אלע שטרויכלונגען און שוועריקייטען וואס ס'איז פארהאן אויפ'ן וועג, מיט א השתוקקות און א רצון, ווייל די הכנה צו די מצוה איז גרעסער פונעם מצוה אליינט, נישט נאר מצד די חשיבות פון די הכנה, נאר ווייל נאכדעם וואס דער מענטש האט שוין מקיים געווען די מצוה - האט ער דאך דאס שוין געטוהן, און כל זמן וואס ער האט נאכנישט מקיים געווען די מצוה, און מיט יעדעם פיס טריט ווען ער איז עולה לרגל גלוסט ער און ער איז משתוקק און וויל נאך און נאך, די הארץ גלוסט ווען וועט מען שוין אנקומען און זעהן, מיט דעם אליינט רייניקט ער זיין הארץ און זיין זעהל נאך און נאך, און דורכדעם איז דער קיום המצוה גאר דערהויבען און אויף אן העכער'ן פארנעם.

**[און** בפרט פאר די בני חוץ לארץ וואס זיי האבען אן גרעסער'ן רצון און תשוקה, און ס'שטייט דאך אין די גמרא (כתובות קי:) 'כל הדר בארץ ישראל דומה כמי שיש לו אלו-ה וכל הדר בחוצה לארץ דומה כמי שאין לו אלו-ה', און די **מפרשים** מערקען שוין אן (עי' הפלאה שם) פארוואס שטייט '**דומה**', און נישט כמי שאין לו אלו-ה, מיט א כ"ף הדמיון, און פון דער לשון 'דומה' איז משמע אז ס'קומט מִמַעֵט צו זיין, אז אין אמת'ן אריין איז נישט אזוי, עי"ש תירוצם. און על דרך העבודה קען מען זאגען, אז אין אמת'ן אריין איז דאס נישט מער וויא א דמיון בעלמא, ווייל אויך דער וואס וואוינט אין חוץ לארץ, אין די הסתרות און די חמריות, קען זיך ערוועקען אינעם הארץ זיינע א רצון און א תשוקה, און די וואס וואוינען אין ארץ ישראל קענען נאך שפירען אז זיי האבען עפעס א נאנשאפט בפועל - ווייל מ'גייט צום כותל המערבי, אבער ס'איז אסאך גרעסער די השתוקקות פון דערווייטעניש - מרחוק ה' נראה לי, ס'איז א אמת'ע השתוקקות, נאך גרעסער און נאך שטערקער, און אזוי קען מען זעך דערנעטערען צום אייבערשטען].

**אבער** נאר בלויז מיט א רצון און א השתוקקות אליינט איז נישט גענוג, ווייל מ'דארף זיי אויך מקיים זיין

אינעם עולם המעשה, און געוויס טאקע דארף מען נישט פאלירען קיין איברים פונעם מענטש אזוי וויא די מעשה פון רבי מתיא בן חרש, נאר די צייכען און די סימן אויף אן אמת'ע השתוקקות און רצון, איז אויב אז עס ברענגט צו דער מענטש לידי מעשה, און אזוי וויא עס איז געווען מרגלא בפומיה פון **רבוה"ק זי"ע** אז פון יעדער השתוקקות דארף מען מאכען א חפץ - 'אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ' (שה"ש ב, ז), ס'איז נישט קיין רבותא די התעוררות'ן וואס דער מענטש האט, כי רבים הם, און אויב מען מאכט נישט דערפון קיין חפץ, און מען לייגט נישט אריין די התעוררות אין א כלי קיבול, האט נישט די רצון מיט די השתוקקות קיין קיום.

**און** אפשר מיט דעם קען מען פארענטפערען די קשיא פון **כ"ק אאז"ל** (פני מנחם מים שלנו תשנ"ג) אויפדעם וואס ס'שטייט (עי' תיקו"ז תי' ה יט:, ותי' מ פ.) מים התחתונים היו בוכים ואמרין אנן בעיין למהוי קדם מלכא, און מען האט זי צוגעזאגט אז מ'וועט זיי מקריב זיין אויפ'ן מזבח מיט דעם וואס מ'וועט לייגען זאלץ אויף די קרבנות במשך דער גאנצע יאר, און אויך וועט מען מנסך זיין מים בחג (עי' רש"י ורבינו בחיי ויקרא ב, יג), האט ער געפרעגט פארוואס האט מען נישט צוגעזאגט אז מ'וועט ברענגען מים שלנו, מצה איז דאך א מצוה דאורייתא, און ביי די מים שלנו הייבט זיך שוין אן די מעשה המצוה, און דאס איז לכאורה א דינא דאורייתא פון 'ושמרתם את המצות', און ס'שטייט אז מַצּוֹת זענען אזוי וויא א קרבן - קומט אויס אז ס'איז דער זעלבע קריבה אזוי וויא 'מלח' און 'ניסוך המים', און בשעת ווען דער בית המקדש איז געשטאנען איז די אכילת מצה געווען א חלק פון די מצוה פון אכילת קרבן פסח, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (בא יב, ח) 'ומצות על מרורים יאכלוהו' (ועי' ישמח ישראל לערב בדיקת חמץ). און לויט וויא אויווען דערמאנט קען מען זאגען, אז מים שלנו וואס מען שעפט נאנט צו די שקיעת החמה, דער ענין דערפון איז השתוקקות און הכנה למצוה, אז א גאנצע נאכט באקט מען נישט די מצות - נאר מ'ווארט צו ביז מארגען, און דעריבער ביי די מצות פון מים שלנו וואלט די מים התחתונים

נישט געווארען איבערגעבעטען, ווייל אט פעלט נישט קיין השתוקקות, אדרבא, זיי ווינען אנן בעינן למיהוי קריבא לגבי מלכא, און נאר דורך די זאלץ און די ניסוך המים ווערען זיי איבערגעבעטען, אז בפועל זענען זיי זוכה להיקרב אויפ'ן מזבח.

**און** ס'שטייט אין **שפת אמת** (שבה"ג סוף תרמ"ב) אז אין די טעג קען יעדער איינער ערוועקען אין זיין הארץ א רצון מיט א השתוקקות, און מיט דעם צו רייניגען זיין הארץ, און אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (תהלים סח, ז) '**מוציא אסירים בכושרות**', און חז"ל (מכילתא בא פר' טז ותנחומא בא יא - הובא ברש"י בא יג, ד) דרשנ'ן דערויף אז ס'מיינט '**בעת שהוא כשר לצאת**', וואס על פי פשוטו מיינט דאס אין דער חודש וואס ס'איז 'כשר לצאת בו' - לא חמה ולא צנה ולא גשמים, אבער ס'ווערט אריינגערעכנט אינדעם אז די דאזיגע צייטען וואס ס'געמאכט געווארען אין זיי ניסים, העלפען אונז צו אויך יעצט יעדער יאר און יאר פון פריש, אז ס'איז א רייפע צייט - זמן מוכשר ארויס צו גיין פון די געפענגעניש פונעם יצר, נישט צו זיין 'כפית באחרא' - אינטערגעטעניגדט אינטער די סטרא אחרא, און אין די צייט ווען אלע יודען זענען באשעפטיגדט מיט כשר'ן די כלים, מנהג בני ישראל תורה, ערוועקט זיך די כח טהרה פון אויווען, אז א מענטש זאל זיך קענען כשר'ן, און ס'איז א 'שעת הכושר' צו רייניגען אונזער הערצער און אונזער נפשות.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זוכה זיין צו רייניגען אונזער הערצער - בני היכלא דכסיפין, מיט א ריכטיגע השתוקקות, מ'זאל קענען צו קומען צו פסח, און מיר זאלען זוכה זיין לאכול מן הזבחים ומן הפסחים.

## בקידושא רבא

**אין** די ספה"ק איז געזאגט געווארען אסאך טעמים פארוואס מען רופט דעם שבת מיט'ן נאמען '**שבת הגדול**', נאך שטעלען זיך די **מפרשים מיט די ספרים** פארוואס רופט מען דאס אן שבת 'הגדול' מיט א לשון זכר און נישט 'הגדולה' מיט א לשון נקבה, אין די תורה טרעפט מען אז שבת איז א לשון נקבה, אזוי וויא ס'שטייט (תשא לא, יג)

'כי אות הִוא ביני וביניכם'.

וי"ל אז דער ווארט הגדול גייט ארויף אויפ'ן מענטש, לויט דאס וואס שטייט אין די גמרא (יבמות מז.) 'נאמן אדם לומר על בנו קטן ואין נאמן על בנו גדול, ואמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן לא קטן קטן ממש ולא גדול גדול ממש, אלא קטן ויש לו בנים זהו גדול, גדול ואין לו בנים זהו קטן', און אט זענען מיר באפוילען געווארען אינעם נאכט פון פסח מיט'ן מצוה פון 'והגדת לבנך' [והפוסקים כתבו דכשאין לו בן, הבת שואלת (עי' קצש"ע סי' קיט סעיף ד, וראה אמרי אמת לקוטים פסחים קטז. וראש גולת אריאל ח"א עמ' שנב-שנג), וכן כתבו דמצות סיפור יציאת מצרים היא גם לקטנה (עי' מג"א סי' תעא סק"ז, שועה"ר שם סעיף י ומשנ"ב סקי"ג)], און דערפאר רופט מען בדווקא אן דעם שבת פאר פסח מיט'ן נאמען 'שבת הגדול', **אז די טאטע זאל באמערקען אז ער איז א גדול - אז ער האט קינדער - בנים, און ס'ליגט אויף איהם די אויפגאבע זיך צו צוגרייטען מקיים צו זיין די מצוה פון והגדת לבנך, ער דארף זעך אינטער גארטלען.**

**תינוקות** האבען טאקע נישט קיין דעת צו פארשטיין די סיפור יציאת מצרים, אבער ס'שטייט דאך אין די משנה (סוכה כח.) 'מעשה וילדה כלתו של שמאי הזקן ופיחת את המעזיבה וסיכך על גבי המטה בשביל קטן', און מצות סוכה איז דאך 'למען ידעו דורותיכם', און לכאורה א תינוק בן יומו האט דאך בכלל נישט קיין דעת און א פארשטאנד, נאר די ענטפער דערויף איז אז זיין **נשמה פארשטייט יא!** דער זעלבע זאך איז ביי די מצות פון סיפור יציאת מצרים, די נשמה פארשטייט.